**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט א גאנצשטאטישע לופט קוואליטעט געזונט קאנסולטאטיוו וואס וועט גילטן דורכאויס דאנערשטאג**

***לופט קוואליטעט קאנסולטאטיוו ארויסגעגעבן גאנצשטאטיש פאר מארגן***

***נייע וועלדערער שטאב ווערן פונאנדערגעשטעלט זיך צו ראנגלען מיט קובעקס וואלד שריפות***

***הונדערטער טויזנטער N95-סארט מאסקעס וועלן ווייטער זיין צום באקומען פאר דער פובליק איבער דער סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די עקסיסטירנדיגע לופט קוואליטעט געזונט קאנסולטאטיוו איבער דער גאנצער שטאט וועט בלייבן עפעקטיוו דורכאויס דאנערשטאג און סטעיטאגענטורן און אויטאריטעטן וועלן ווייטער קאארדענירן אנגייענדיגע לופט קוואליטעט קאנטראל, פובליק באוואוסטזיניגקייט און עדיוקעישן , מאסקעס אויסטיילונג, און אנדערע באמיאונגען צו פארמיידן אדער באגרענעצן אויסשטעלונג צו געהעכערטע שטאפלען פון רויך-געטריבענע לופט-פארפעסטיגונג איבער ניו יארק. די דעפארטמענטס פון ענווייראנמענטל אויפהיט און געזונט קאנטראלירן פון דער נאענט די לופט קוואליטעט פון דער ווירקונג פון די קאנאדישע וואלד-שריפות און האט ארויסגעגעבן א לופט קוואליטעט געזונט קאנסולטאטיוו אויף מארגן נאכן פראגנאז פון שטאפלען פון שטויביגע פארפעסטיגונג וואס זענען 'נישט געזונטע' און 'נישט געזונטע פאר עמפינדלעכע גרופעס'. און צוגאב, האט דער גאווערנער געמאלדן אז א דריטל פון די מאנשאפט פון וועלדערערווערן צעשטעלט קיין קוביק צו העלפן אין דעם אפרוף צו די קאנאדישע פייער.

"אזוי ווי מיר טוען ווייטער קאנטראלירן די לופט קוואליטעט שטאפלען און שטעלן צו פאר די קאמיוניטיס מיט דער אינפארמאציע און כלים וואס זיי דארפן האבן צו פארמיידן אויסגעשעלטקייט צו רויך-שייכות'דיגע לופט פארפעסטיגונג , זאלן ניו יארקער בלייבן אויף דער וואַך און אננעמען שריט צו בלייבן פארזיכערט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך דאנק די שטאלצע ניו יארק וועלדערער וואס נעמען אנטייל מיט די קאנאדער וואלדשריפות אפרופער און ווינטש זיי א זיכערע רייזע אזוי ווי זיי גרייטן זיך צו צו העלפן דעם אנגייענדיגן באמיאונגען צו קאנטראלירן די פייערסצפון סון אונדזערע גרענעצן."

גאווערנער האקול [האט געמאלדן](#)פריער אז די לופט קוואליטעט געזונט קאנסולטאטיוו פאר מיטוואך, יוני 28 האט זיך פארברייטערט אריינצורעכענען די גאנצע סטעיט. מארגן, דאנערשטאג, יוני 29, וועט דער רויך זיך פאמעלעך רוקן קיין מזרח און זיך אפשטעלן אין צענטראל ניו יארק אזוי ווי א הויכע-דרוקעדיגע סיסטעם שלענגלט זיך איבער דער מיטל-אטלאנטיק ברעג מיט די העכסטע קאנצענטרירונג פון רויך-ארויסגערופענע ראפינירטע שטויביגע שטיקלעך (PM2.5) פארפעסטיגונג וואס מ'ריכט זיך אין מערב און צפון ניו יארק. דער זייל-רויך ריכט זיך ארויסצורוקן פון ניו יארק פאמעלעכער וואו עס קומט אריין און שווערערע רויך ווערט געראכטן צו בלייבן אפסטעיט א גרויסן טייל פון פרייטאג.

דער לופט קוואליטעט איז פראגנאזירט אנצוקומען צו 'נישט געזונטע' לופט קוואליטעטע אינדעקס שטאפלען מארגן פון מערב און צענטראלע ניו יארק, מזרח לעיק אנטעריא, און די אדיראנדעקס. אויף דעם שטאפל, קענען אלע מענטשן אנהייבן שפירן געזונט עפעקטן, מיטגלידער פון עמפינדליכע גרופעס קענען שפירן מער ערנסטע געזונטהייט ווירקונגען. לופט קוואליטעט ווערט פראגנאזירט צו גרייכן 'נישט געזונט פאר עמפינדלעכע גרופעס' אין די רעשט פון דער סטעיט. אויף דעם שטאפל, קענען מיטגלידער פון עמפינדלעכע גרופעס אזוי ווי מענטשן מיט הארץ אדער אטעם פראבלעמען אזוי ווי אסטמא, יונגע קינדער, און עלטערע מענטשן, זיין מער איינגעשטעלט פארן געזונט עפעקטן דורך רויך. צו לערנען מער, זעט די דיאגראמען דא.

עמערדזשענסי מאבילע טעלעפאן ווארענונגען וועלן ווערן געניצט צו ווארענען ניו יארקער אויב די לופט קוואליטעט אינדעקס גייט אריבער דעם שוועל פון 200 פאר 'שטארק נישט געזונטע' לופט און גייט אן מער ווי א שעה. די ווארענונגען וועלן ווערן איבערגעפירט דורך די אָנדראָטיגע עמערדזשענסי באווארענונג סיסטעם וואס ווערט אנגעפירט ביי דער סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס.

מער פראגנאזע אינפארמאציע וועט זיין צו באקומען מארגן. בעת, דער לופט קוואליטעט אינדעקס שטאפלען זענען פראגנאזירט צו גרייכן פון 'נישט געזונט פאר עמפינדלעכע גרופעס' צו 'נישט געזונט' פאר אלע אין דער צייט, וועלן DEC און DOH ארויסגעבן לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזעריס און אנווייזונגען וואס זענען באזירט אויף א 24-שעה וועטער אפשאצונג, און איין-שעה'איגע ווערדן קענען זיין גרעסער פון די וועטער אפשאצונג ווערדן אין די ראיאנען. באזוכט dec.ny.gov פאר אמאנדירטע פראגנאזען און אינפארמאציע וועגן לופט קוואליטעט אינדעקס שטאפלען, און www.health.ny.gov פאר אינפארמאציע וועגןגעזונט ריזיקעס און באווארענונגען וואס האבן א שייכות מיט לופט קוואליטעט. באמערקט אויך, אז פריעריגע אינדיפענדענס דעי פייערווערק פייערונגען קען צוהעלפן צו שטויביגע שטיקלעך און רויך צו שאפן א צייטווייליגע, ארטיגע-העכערונג פון מצבים און קען ווערן באמערקט דורך לופט קאנטראל אפאראטן.

גאווערנער האקול האט אויך היינט געמאלדן אז אכט וועלדערער פון דער דעפארטמענט אוו ענווייראנמענטאל אופהיט ווערן געשיקט קיין קובעק צו העלפן מיט די באמיאונגען איינצוצוימען די אנגייענדיגע וואלד-שריפות. א  וועלדערער וועט דינען אלץ מאנשאפט הויפט פאר די 20-פערזאן צווישנשטאטישע צפון-מזרח וואלד פייער פראטעקציע קאמפאקט מאנשאפט וואס איז כולל די ניו יארק קאמאנדע  און פייער לעשער פון ניו העמפשייר, מעין און ווערמאנט.די מאנשאפט וועלן זיך אנהייבן מאביליזירן מארגן און פארברענגען  בערך צוויי וואכן אין קאנאדא. דאס איז דער דריטער פונאנדערשטעל פון ניו יארק רעסורסן צו העלפן קעמפן די פייערס אין קאנאדא. פריער אין דער וואך, האט גאווערנער האקול מקבל פנים געווען אהיים אכט וועלדערער וואס זענען געווען פונאנדערגעשטעלט אין נאווע סקאשיע און קובעק.

**די דעפארטמענט אוו ענווייראנמענטאל אופהיט קאמיסיאנער באזיל סעגאס האט געזאגט,** "אונדזערע וועלדערער זענען אייביג וויליג אויפצוהייבן זייערע הענט ווען מ'בעט פאר הילף. נאך צוויי הצלחה'דיגע מיסיעס קיין קאנאדא, זענען מיר גליקלעך צו האבן מער שטאלצע מענער און פרויען וואס קוקן אויס אויף א געלעגנהייט צו האבן א ווירקונג און העלפן שיצן דעם ציבור און דער סביבה."

**די סטעיט געזונט קאמיסיאנער דר. דזשעימס מקדאנאלד האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט, און DHSES און DEC פאר זייער שותפות מיט DOH, ווען מיר זענען ממשיך צו צושטעלן די רעסורסן און אינפארמאציע נייטיג צו העלפן אדרעסירן פאטענציאלע אויסגעשטעלטקייט צו שעדלעכע לופט קוואליטעטן. מיט געהעכערטע לופט-פארפעסטיגונג שטאפלען

יעצט פראגנאזירט איבערן סטעיט, זאלן ניו יארקער אין אכט נעמען זייערע ארטיגע לופט קוואליטעט און אננעמען די נייטיגע באווארענונגען אזוי ווי בלייבן אינעווייניג, פארמינערן אויסשטעלונגען, מינימיזערן זיך אנשטרענגען ווען אינדערויסן, און טראכט צו נוצן א N95 מאסקע כל זמן וואס די נישט געזונטע מצבים האלטן אן."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "ניו יארקער זאלן וויטער זיין וואכזאם אויף דעם קוואליטעט פון דער לופט אין זייערע קאמיוניטיס היינט און מארגן. עס ווענדט זיך אויפן מצב ווי איר וואוינט, טראכט פון באגרענעצן אייער צייט אינדערויסן און, אויב איר מוזט ארויסגיין, טראגט א הויכע-קוואליטעט פנים-מאסקע."

לויט די גאווערנער'ס אנווייזונג, זענען הונדערטער טויזענטער N95-סארט מאסקעס געווארן צוגעשטעלט פאר ניו יארקער צו אדרעסירן די לופט קוואליטעט אימפאקטן. אין ניו יארק סיטי, וועט די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט, פארט אויטאריטעט, און דער אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע אויפהיטונג אויסטיילן מאסקעס פאר רייזנדע ביי הויפט טראנספארטאציע קנופפונקטן און סטעיט פארקס.. נאך מאסקעס וועלן זיין אוועילעבל פאר קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי ביי סטעיט-געפירטע סטאקפיילס צו ווערן אויסגעטיילט צום פובליק.

מאסקעס זענען צום באקומען אין די פאלגנדע לאקאציעס:

- גרענד צענטראל טערמינאל
- פען סטאנציע
- פולטאן צענטער
- דזשעמעיקע צענטער
- הויפט פאסאנזשירן זאל פון די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל, דרום פליגל
- אטלאנטיק אוועניו, ברוקלין
- גרענד קאנקאורס, בראנקס
- שירלי טשיסהאלם סטעיט פארק
- קלעי פיט סטעיט פארק רעזערוואט
- דעני פארעל ריווערבענק סטעיט פארק
- ראבערטא קלעמענט סטעיט פארק

טראנזיט אויטאריטעטן איבער דער סטעיט ניצו אויס פובליק אדרעס סיסטעמס, גרויסע אויטאבוס שילדן, סאציאלע מעדיע און אנדערע עלעקטראנישע מעטאדן צו צושטעלן לופט-קוואליטעט שייכות'דיגע שיצ-אינפארמאציע דירעקט צו די קונים, ווי אויך:

- מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט
- נאסאו טראנסיט
- וועסטשעסטער קאונטי בי-ליין
- ברום קאונטי טראנזיט
- קאפיטאל דיסטריקט טראנספארטאציע אויטאריטעט
- צענטראל ניו יארק ראיאנישע טראנספארטאציע אויטאריטעט
- ראטשעסטער דזשענעסי ראיאנישע טראנספארטאציע אויטאריטעט
- ניאגארא פראנטיער טראנספארטאציע אויטאריטעט

די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט עצה'ט צו אונטערנעמען באווארענונג שריט לויט ווי עס פעהלט זיך אויס. שריט פאר מענטשן צו אונטערנעמען כדי צו פארקלענערן סכנות רעכענען אריין:

- ווען די AQI איז העכער 100 ('נישט געזונט פאר עמפינדליכע גרופעס'), זאלן ניו יארקער וועלכע זענען אין עמפינדליכע גרופעס זיך צוריקהאלטן פון זיך אויסמוטשענען אינדרויסן און זיין אויפמערקזאם פאר סימפטאמען אויב זיי ווערן אויסגעשטעלט צו די דרויסנדיגע לופט. עמפינדליכע גרופעס רעכענען אריין מענטשן מיט הארץ קראנקהייטן (צום ביישפיל 'קאנדזשעסטיוו הארט פעיליור', האבנדיג געהאט א הארץ אטאקע) אדער לונגען קראנקהייט (צום ביישפיל אסטמא, שמאלערע אדערן אין די לונגען) און אזוי אויך קינדער אונטער 18, מענטשן פון 65 און עלטער און טראגעדיגע מענטשן.
- ווען די AQI איז העכער 150 ('נישט געזונט'), זאלן אלע ניו יארקער זיך צוריקהאלטן פון טון אויסמוטשענדיגע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן, און מענטשן אין עמפינדליכע גרופעס זאלן זיך אינגאנצן פארמיידן פון זיין אויסגעשטעלט צו די דרויסנדיגע לופט, ספעציעל פרויען וואס ווארטן א קינד וואס זיי קענען שנעלער האבן פראבלעמען צו כאפן דעם אטעם. אויך, טייל ארבעטערס וועלכע זענען עמפינדליך זאלן ארבעטן אינערווייניג און קעמפ דירעקטארן זאלן וויסן זייער לאקאלע AQI וועטער אפשאצונג און ווארענונג שטאפל און אויספאלגן AQI אנווייזונג.
- ווען די AQI איז העכער 200 ('זייער נישט געזונט'), זאלן עמפינדליכע גרופעס זיך צוריקהאלטן פון אלע פיזישע אקטיוויטעטן אינדערויסן, און אפשטופן אדער רוקן אקטיוויטעטן אריין אינערווייניג. אלע אנדערע זאלן זיך צוריקהאלטן פון לאנגע אדער אויסמוטשענדיגע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן.
- ווען די AQI איז העכער 300 ('געפארפול") זאלן אלע ניו יארקער זיך צוריקהאלטן פון דרויסנדיגע פיזישע אקטיוויטעטן.
- פאר מענטשן וועלכע פארברענגען צייט אינדרויסן, איז עס רעקאמענדירט צו טראגן א גוט-צוגעדרוקטע פנים מאסקע ווען די לופט קוואליטעט איז 'נישט געזונט'. א N95 אדער א KN95 וועט ארבען אמבעסטן.

מער אינפארמאציע איבער די פאראויסגעזאגטע ניו יארק סטעיט לופט קוואליטעט ווערט פארעפנטליכט דא. צו איבערקוקן אייער לאקאציע'ס יעצטיגע לופט קוואליטעט, גייט צו www.airnow.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418